בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן נֵייעֶס אוּן פָּאלִיטִיק?........א

זָאל אִיךְ זִיךְ אַיינְגֶעבְּן אַוֶועקְצוּגֶעבְּן אַ נִיר?...............................ד

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַוֶועקְנֶעמֶען מַיין מַאן פוּן זַיין טֶעבְּלֶעט?...........ו

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין טַאטֶע טְשֶׁעפֶּעט מִיר פַּארְ'ן פָּארְן קַיין אוּמַאן?...........................................................................ח

וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מֶען מַאכְט חוֹזֶק וֶוען אִיךְ גֵיי הֲפָּצָה?..............יא

מַיינֶע קָאלֶעגֶעס בַּיי דִי אַרְבֶּעט רֶעדְן אוֹיף מִיר, וָואס טוּ אִיךְ?....יג


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אַז סְ'אִיז דָא טַעֲנוֹת, דַארְף מֶען אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע זַייטְן ..............א

גֶעב זֵייעֶר אַכְטוּנְג אֵיידֶער דוּ זָאגְסְט אָפּ אַ שִׁידוּךְ ....................ב

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז מֶען הָאט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס דְרוּקְן דִי סְפָרִים..............................................................................ב

אֵייעֶר מֵיידְל פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.................................ג

אַ רִיכְטִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ "בֵּית פֵיגֶא תַלְמִידָה"......................ד

אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.............ד

דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן זֵיי אָן............................................................................ה

אַ תְּפִלָּה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער גְרִינְג אוּן גֶעזוּנְט ......................ו

לָאזְט אַייך נִישְׁט מוּטְשֶׁען פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן ........................ו

פַאר מֶען שִׁיקְט אַװעק אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין אוֹיבּ דָאס אִיז אֱמֶת ........................ז

מְ'װֶעט קֶענֶען נוּצְן דַיין דִירָה פַאר'ן שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת?...............ח

אַנְשְׁטָאט הֶערְן הַאטְלֵיינְס, זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיין װַייבּ ........................ח

נַארִישֶׁע טֶעקְסְט גְרוּפְּס, נֶעמְט אַװֶעק דִי רוּאִיגְקֵייט פוּן שְׁטוּבּ....ט

נָאר לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען, אוּן בֶּעטְן אוֹיף װַייטֶער ........................י

אִין יְשִׁיבָה װֶעסְטוּ בַּאקוּמֶען נָאר גוּטֶע זַאכְן ........................י

מְ'דַארְף נִישְׁט מַאכְן דִי חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה ........................יא

זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס........................יא

עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס װער עֶס װֶעט עֶרְװֶעלְט װֶערְן פַאר פְּרֶעזִידֶענְט........................יב

אַנְשְׁטָאט אַ גְלַאנְצִיגֶע טֶעלֶעפָאן, הָאסְטוּ אַ גְלַאנְצִיגֶע לוּיטֶערֶע שְׁטוּבּ ........................יג

דַיין יְשׁוּעָה אִיז זֵייעֶר נָאנְט, װַארְט עֶס אוֹיס ........................יג

מְ'דַארְף הָאבְּן הִתְחַזְקוּת פוּן גוּטֶע חֲבֵרִים ........................יד

דִי גֶעלְט פוּן הַפָּצָה זָאלְסְטוּ גֶעבְּן נָאר פַאר צְדָקָה ........................טז

פְרֶעג דַיינֶע עֶלְטֶערְן װֶעלְכֶע הֶכְשֵׁרִים צוּ עֶסְן ........................יז

אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער ........................יח

מָאוִוס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ........................יט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן נֵייעֶס און פָּאלִיטִיק ?**

**שְׁאֵלָה :**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס הָאט מִיר אַלֶעמָאל שְׁטַארְק גֶעצוֹיגְן מִיטְצוּהַאלְטְן נֵייעֶס, סְפֶּעצִיעֶל אַמֶערִיקַאנֶע פָּאלִיטִיק, אָבֶער סְפֶּעצִיעֶל דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר וֶוען דִי נֵייעֶס קָאכְט אַזוֹי שְׁטַארְק יֶעדְן טָאג, צִיט עֶס מִיר נָאךְ אַסַאךְ מֶער.

אִיךְ קוּם שַׁבָּת אִין שׁוּל, און יֶעדֶער רֶעדְט נָאר פוּן דִי נֵייעֶס און פָּאלִיטִיק; אִיךְ וֶוער אוֹיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין דִי שְׁמוּעֶסְן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אָבֶער נָאכְדֶעם פוּן מִיר אַלֵיין אַז עֶס אִיז שַׁבָּת קוֹדֶשׁ און אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין בֶּעסֶערֶע דַאֲגוֹת נָאר צוּ רֶעדְן אִיבֶּער נַארִישֶׁע פָּאלִיטִיק.

וָואס אִיז דִי עֵצָה זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען פוּן זַיין פַארְנוּמֶען אַזוֹיפִיל מִיטְ'ן הֶערְן און לֵיינֶען דִי נֵייעֶס, סַיי אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, און סַיי אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וָואךְ? אִיךְ ווֵייס אַז עֶס פַארְבְּרֶענְט מִיר אַזוֹיפִיל טֵייעֶרֶע שָׁעוֹת יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה :**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וואוּ מֶען גֵייט און וואוּ מֶען שְׁטֵייט זֶעט מֶען ווִי מֶענְטְשְׁן קָאכְן זִיךְ אִין פָּאלִיטִיק, אַ טֵייל פְרֵייעֶן זִיךְ מִיטְ'ן גֶעווִינְס פוּנֶעם נֵייעֶם פְּרֶעזִידֶענְט און אַ טֵייל

בּייזֶערְן זִיךְ; פְרֶעג דִי וָואס פְרֵייעֶן זִיךְ: 'מִיט וָואס פְרֵייסְטוּ זִיךְ? וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר?' אוּן פְרֶעג דִי וָואס בֵּייזֶערְן זִיךְ אַז דֶער פְּרֶעזִידֶענְט הָאט פַארְלוֹירְן: 'וָואס גֵייט דִיר עֶס אָן? וָואס אִיז דָאס נוֹגֵעַ פַאר דִיר?' קֵיינֶער פוּן זֵיי וֶועט נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, וַוייל דִי גַאנְצֶע פָּאלִיטִיק, פַארְוֶועם מֶען זָאל שְׁטִימֶען, וֶוער עֶס גֵייט גֶעוִוינֶען, וֶוער עֶס הָאט גֶעוִוינֶען - אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן.

וֵוייניג מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִי שֵׂכֶל נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענֶען דִי צַייט פוּן לֶעבְּן מִיט זַאכְן וָואס גֶעבְּט נִישְׁט צוּ פַארְ'ן לֶעבְּן; מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי מָאנְט פוּן אוּנְז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; וֶוען מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז דִי טֶעג פוּנֶעם לֶעבְּן פְלִיעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי אַ שָׁאטְן, "כַּצֵּל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א כט, טו)", זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב): "הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל, אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן, אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף", הַלְוַאי זָאלְן אוּנְזֶערֶע טֶעג זַיין אַזוֹי וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט וָואס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט וְוילַאנְג עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, אָדֶער וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ בּוֹים, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז דָאס לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נִיטְאַמָאל וִוי אַזַא שָׁאטְן, דָאס לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיט.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזֶען וִוי רֶבִּי נָתָן רֶעדְט דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת מִיט אַ קִינְד, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אַ קִינְד, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט מִיט אַ נִיגוּן: "אָט אִיז מֶען אַ אִינְגְל, אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר, אָט אִיז מֶען אַ אִינְגֶערְמַאן, אָט אִיז מֶען אַן אַלְטֶער אִיד אוּן אָט פִירְט מֶען שׁוֹין צוּם אֵייבִּיגְן אָרְט - צוּם בֵּית הַחַיִּים"; יֶעדֶע פָאר יָאר קוּמְט פְרִישֶׁע וַואלְן, מֶען קָאכְט זִיךְ אִין פָּאלִיטִיק, מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶערְוַוייל גֵייעֶן אַרִיבֶּער דִי יָארְן אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּן דֶעם, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וָואס קָאכְן זִיךְ אִין פָּאלִיטִיק; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ו): "הַיֵּצֶר הָרָע דּוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי אָדָם, וְיָדוֹ סְגוּרָה וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ", דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, עֶר פָּאפְּט אוֹיס אַלֶעמֶען אוּן פְרֶעגְט זֵיי: "וָואס הָאבּ אִיךְ אִין מַיין הַאנְט?" אוּן פַאר יֶעדֶעם דַאכְט זִיךְ אַז עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט דָאס וָואס עֶר וִויל, דֶערִיבֶּער לוֹיפְן אִים אַלֶע נָאךְ וַוייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען וֶועט

בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ וָואס מֶען ווִיל, "וְאַחַר כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם", בַּיים עֶנְדֶע עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט, אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז מִיט'ן יֵצֶר הָרָע, "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד", עֶר רֶעדְט אַיין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אִים נָאכְלוֹיפְן וַוייל אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע תַּאֲווֹת, אָבֶער בַּיים סוֹף וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן דֶערְזֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט, עֶר אִיז אִים נָאכְגֶעלָאפְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אוּמְזִיסְט.

גֵיי אַרוֹיס פוּן דִי דִמְיוֹנוֹת פוּן פָּאלִיטִיק, בִּפְרַט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ; שַׁבָּת אִיז נִישְׁט אַ צַייט פוּן פָּאלִיטִיק, שַׁבָּת אִיז אַ טָאג פוּן נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ וַיַּקְהֵל, רה:) "הַאי יוֹמָא, יוֹמָא דְנִשְׁמָתִין הוּא וְלֹא יוֹמָא דְגוּפָא", שַׁבָּת אִיז אַ טָאג פַאר דִי נְשָׁמָה, נִישְׁט פַאר'ן גוּף, שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן לְיוֹם שֶׁכּוּלוֹ שַׁבָּת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק א) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קלט, טז): "יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם" - דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, "אַף עַל פִּי שֶׁאַתֶּם עוֹשִׂים מְלָאכָה כָּל שִׁשָּׁה יָמִים", אֲפִילוּ מֶען אַרְבֶּעט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, "יוֹם הַשַּׁבָּת יַעֲשֶׂה כּוּלּוֹ תּוֹרָה", זָאל מֶען שַׁבָּת אוֹיסְנוּצְן מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "מִכָּאן אָמְרוּ: לְעוֹלָם יַשְׁכִּים אָדָם וְיִשְׁנֶה בְּשַׁבָּת, וְיֵלֵךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמִּדְרָשׁ, יִקְרָא בַּתּוֹרָה וְיִשְׁנֶה בַּנְּבִיאִים", דֶערְפַאר זָאל אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְשְׁטֵיין שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אוּן גֵיין אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, "וְאַחַר יֵלֵךְ לְבֵיתוֹ וְיֹאכַל וְיִשְׁתֶּה", אוּן נָאכְדֶעם אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, "לְפִי שֶׁאֵין לוֹ מְנוּחָה לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא עִם עוֹשֵׂי תּוֹרָה בִּלְבַד", וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין נַחַת רוּחַ נָאר פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. "מִכָּאן אָמְרוּ: שֶׁיִּקְרָא אָדָם כְּדֵי שֶׁלֹּא תַּשִּׂיגֵנוּ בּוּשָׁה וּכְלִימָּה בְּשָׁעָה שֶׁאוֹמְרִים לוֹ: 'עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ', 'עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִשְׁנֶה שֶׁשָּׁנִיתָ'", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֶען צוּ לֶערְנֶען חוּמָּשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת, וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ: "הֵייבּ אָן זָאגְן חוּמָּשׁ וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט, הֵייבּ אָן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט", ווִי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי בּוּשָׁה אַז מֶען וֶועט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט אַן אָפֶענֶעם מוֹיל אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים, אַנְשְׁטָאט שְׁטֵיין אִין שׁוּל רֶעדְן מִיט חֲבֵרִים פָּאלִיטִיק - גֵיי אַהֵיים מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מַאכְן דִי סְעוּדָה. פְרַייטָאג צוּ

נאכְטֶס נָאכְן דַאוֶוענֶען קוּמֶען מַלְאָכִים און זֵיי בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְש בִּיזְן שְׁטוּבּ (שַׁבָּת קיט:), עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין כָּבוֹד צוּ לָאזְן דִי מַלְאָכִים וַוארְטְן בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט שְׁמוּעֶסְן, מֶען דַארף גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳עֶנְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רעא, סְעִיף א): "כְּשֶׁיָּבֹא לְבֵיתוֹ יְמַהֵר לֶאֱכֹל מִיַּד", מֶען דַארף גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה; פוּן דִי אַלֶע שְׁמוּעֶסֶעלֶעךְ בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער, אַנְשְׁטָאט שְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּל פָּאלִיטִיק, גֵיי אַהֵיים און שְׁמוּעֶס מִיט דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער פוּן דִי פַּרְשָׁה, דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים און מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה.

ווארוּם ער האט ... ווּאוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין שַׁיְיכוּת מִיט קֵיין שׁוּם פָּאלִיטִיק; עֶר לֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶעבְּט מִיט תַּכְלִית; דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ זִיךְ אַיינְגֶעבְּן אַוֶועקְצוּגֶעבְּן אַ נִיר?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן צִי אִיךְ זָאל זִיךְ אַיינְשְׁרַייבְּן און טֶעסְטְן אַוֶועק צוּ גֶעבְּן אַ נִיר.

אִיךְ בִּין יֶעצְט זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארֶעמְט אַוֶועק צוּ גֶעבְּן אַ נִיר; אֵיינֶער פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה הָאט לֶעצְטְנְס גֶעהַאט דִי זְכִי' צוּ גֶעבְּן אַ נִיר פַאר אַ צְוֵייטְן, הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן דֶערְפוּן.

אוֹיךְ וֵוייס אִיךְ פוּן אֵיינֶעם וָואס הָאט לֶעצְטְנְס בַּאקוּמֶען אַ נִיר נָאכְן וַוארְטְן דֶערוֹיף אַפָּאר יָאר.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט צְוֵויי נִירְן און מֶען קֶען אַוֶועק גֶעבְּן אֵיינְס און גֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ דִי מַתָּנָה פוּן לֶעבְּן.

אַוַודַאי פְּרוּבִיר אִיךְ צוּ גֶעבְּן עֶכְטֶע לֶעבְּן פַאר מֶענְטְשְׁן דוּרְכְ'ן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און עֵצוֹת.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אֵיינֶער פְרֶעגְט דַיין שְׁאֵלָה פוּן מוֹהֲרָא״ש** (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק יט, מִכְתָּב ב׳ תיח)**: ״רָצִיתִי לָדַעַת אֶת דַּעְתְּכֶם בְּעִנְיַן תְּרוּמוֹת כְּלָיָה לְמִישֶׁהוּ אַחֵר״, אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס מוֹהֲרָא״ש הַאלְט אִיבֶּער אַוֶועק גֶעבְּן אַ נִיר פַאר אַ צְוֵוייטְן, ״הַאִם כְּשֶׁשּׁוֹמְעִים שֶׁיֵּשׁ חוֹלֶה מֵחוֹלֵי יִשְׂרָאֵל הַנִּצְרָךְ לְהַשְׁתָּלַת כִּלְיָה יֵשׁ חוֹבָה לִתְרֹם לוֹ״, וֶוען מֶען הֶערְט אַז אִיד דַארְף אַ נִיר אִיז דָא אַ חִיּוּב אַוֶועק צוּ גֶעבְּן אַ נִיר, ״אוֹ שֶׁזֶּה רַק עִנְיָן שֶׁל צְדָקָה, וְהַדָּבָר תָּלוּי בִּרְצוֹנוֹ שֶׁל הָאָדָם״, אָדֶער דָאס אִיז אַן עִנְיָן פוּן צְדָקָה אוּן נָאר אוֹיבּ מֶען וִויל קֶען מֶען דָאס טוּן? ״אֶשְׂמַח מְאֹד לְמַעֲנֶה מֵהַצַּדִּיק״, אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן צוּ הֶערְן וָואס מוֹהֲרָא״ש הַאלְט.**

**אוּן מוֹהֲרָא״ש עֶנְטְפֶערְט: ״אָדָם צָרִיךְ מְאֹד מְאֹד לִשְׁמוֹר עַל הַבְּרִיאוּת שֶׁלּוֹ״, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן מֶען זָאל זַיין גֶעזוּנְט, ״וְהוּא לֹא מְחוּיָּב בִּכְלָל לָתֵת אֶת הַכִּלְיָה שֶׁלּוֹ לְאַחֵר״, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם חִיּוּב מֶען זָאל אַוֶועק גֶעבְּן אַ נִיר פַאר אַ צְוֵוייטְן, ״רַק אִם הוּא רוֹצֶה, וְכַמּוּבָן לְאָח אוֹ לְאָחוֹת, אֲבָל זֶה רַק בְּתוֹרַת רָצוֹן, וְלֹא מֻכְרָח״, אוֹיבּ מֶען וִויל אַוֶועק גֶעבְּן פַאר אַ נָאנְטְן אִין דִי מִשְׁפָּחָה, אַ בְּרוּדֶער אָדֶער שְׁוֶועסְטֶער - דֶעמָאלְט קֶען מֶען דָאס טוּן, נָאר אַז מֶען וִויל, ״הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִשְׁלַח רְפוּאָה שְׁלֵימָה לְכָל חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, וְשֶׁלֹּא יִצְטָרְכוּ עַם יִשְׂרָאֵל זֶה לָזֶה״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, ״וְיִהְיוּ כּוּלָּם בְּרִיאִים בְּנַפְשָׁם וּבְשִׂכְלָם״, אַלֶע זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.**

**פוּן דֶעם בְּרִיוו זֶעט מֶען אַז מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל דָאס נִישְׁט טוּן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַוֶועקְנֶעמֶען מַיין מַאן פוּן זַיין טֶעבְּלֶעט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ פָאלְגְן אַלֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז.

מַיין מַאן אִיז אַ צַדִיק, עֶר שְׁטֵייט אוֹיף זֵייעֶר פְרִי צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען גֶעהֶערִיג מִיט מִנְיָן, עֶר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אוּן מַאכְט צַייט צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד. אוּן סְפֶּעצִיעֶל פִירְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיף אִינְדֶערְהֵיים אוּן הֶעלְפְט אַרוֹיס מִיט דִי קִינְדֶערְלֶעךְ וֶוען עֶר קֶען, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם אַ לִיכְטִיגֶע שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט כְּסֵדֶר פוּן פַארְקוּקְן אוּן סוֹבֵל זַיין, ווִיל אִיךְ ווִיסְן ווִיפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר? מַיין מַאן הָאט אֵיין שְׁוַואכְקֵייט וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ, נָאךְ דִי אַרְבֶּעט לוֹפְטֶערְט עֶר זִיךְ אוֹיס מִיט זַיין אַרְבֶּעטְ'ס טֶעבְּלֶעט, אִיךְ וֵויס אַז עֶר קוּקְט נָאר מוּזִיק ווִידִיאָס אוּן נִישְׁט מֶער, אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אַז עֶר טוּט דָאס.

אִיךְ מַאךְ אַסַאךְ תְּפִלָּה אוֹיף דֶעם אוּן אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים דֶערְוֶועגְן, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הָאט זִיךְ גֶעטוּישְׁט. עֶס שְׁטֶערְט מִיר אִים צוּ זֶען דֶערְמִיט. וָואס קֶען אִיךְ טוּן אִים צוּ הֶעלְפְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ מַאן וָואס לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט אוּן הֶעלְפְט אַייךְ, הֶערְט נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אַז אִיר הָאט אַ לִיכְטִיגֶע שְׁטוּבּ; ווִיפִיל פְרוֹיעֶן וָואלְטְן וֶוען גֶעוָואלְט הָאבְּן דִי סָארְט לֶעבְּן, דִי סָארְט מַאן, דִי סָארְט שְׁטוּבּ, אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען דַאוֶוענְט, אַ שְׁטוּבּ וָואס דֶער מַאן אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען, אַ מַאן וָואס הֶעלְפְט?

דָאס וָואס עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ אַז אַייעֶר מַאן לוֹיפְט צוּם טֶעבְּלֶעט קוּקְן מוּזִיק

קְלִיפֶּס, אִיר ווילְט אַ שְׁטוּב אָן דִי אַלֶע זַאכְן; וויסְן זָאלְט אִיר אַז דָאס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט. אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז דִי טֶעבְּלֶעט אִיז אַ שְׁטַארְקֶע מַאגְנֶעט, עֶס צִיט זֵייעֶר שְׁטַארְק; דָאס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי וֶועלְט, עֶס טְרָאגְט אִים אִין אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט. קְלִיפֶּס אוּן מָאוִויס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס, אֵיינְמָאל מֶען הֵייבְט אָן דֶערְמִיט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דֶעם, וֵוייניג מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְהַאן וָואס קֶענֶען זִיךְ עֶרְהוֹילְן פוּן דֶעם.

אָבֶער אֵיין זַאךְ אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן דֶעם, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס; אַז אִיר וֶועט בֶּעטְן טָאג נָאךְ טָאג, נַאכְט נָאךְ נַאכְט אוֹיף דֶעם - וֶועט אִיר זֶען ווִי אִיר וֶועט פּוֹעֵל׳ן.

מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ מֶען זֶעט נִישְׁט ווִי עֶס רִירְט זִיךְ עֶפֶּעס, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט ווִי אֵיינֶער הֶערְט וָואס מֶען בֶּעט, מֶען זֶעט נִישְׁט עֶפֶּעס זָאל זִיךְ טוּישְׁן - דַארְף מֶען וַוייטֶער זַיין גֶעדוּלְדִיג אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז מֶען זֶעט דִי יְשׁוּעָה.

דָא הָאט אִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין טַייעֶרֶער מַאן אוּן פַאר מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, דוּ גֶעבְּסְט מִיר אַזוֹיפִיל חֲסָדִים, הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ לִיכְטִיגֶע שְׁטוּב, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז דָא אַ זַאךְ וָואס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַז מַיין מַאן לוֹיפְט צוּם טֶעבְּלֶעט, צוּ זַיין טֶעלֶעפָאן - קוּקְן קְלִיפֶּס אוּן מָאוִויס; עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק, דָאס מַאכְט מִיר אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע, דָאס מַאכְט מִיר וֵויינֶען, אִיךְ ווִיל נִישְׁט מַיין מַאן זָאל זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי זַאכְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן יִרְאֵי הַשֵּׁם, זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַארְבְּרֶענֶען זֵייעֶרֶע יָארְן מִיט נַארִישֶׁע זַאכְן; לֵייג אַרַיין אִין מַיין מַאן אַ הֵיילִיגֶע גֵייסְט, עֶר זָאל פָאלְגְן צַדִיקִים וָואס הָאבְּן אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער - צוּ קוּקְן קְלִיפֶּס אוּן מָאוִויס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן מַיין שָׁלוֹם בַּיִת; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קוּקְן גוּט אוֹיף מַיין מַאן, אִיךְ זָאל קוּקְן אוֹיף אִים מִיט רַחְמָנוּת, אִיךְ

**זָאל אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אִיךְ זָאל פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער דָאס אָפְּצוּלָאזְן אוֹיף אֵיין מָאל; מִיר זָאלְן וַוייטֶער לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם, מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיר זָאלְן בֵּיידֶע הָאבְּן אֵיין צִיל, אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אָמֵן סֶלָה״.**

אִיר וֶועט נָאר קֶענֶען פּוֹעֵל'ן אוֹיבּ אִיר וֶועט אִים וַוייטֶער לִיב הָאבְּן, אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף אִים גוּט; אִיר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס אִיז אַ שְׁוַואכְקֵייט, אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן - נָאר אַזוֹי וֶועט אִיר עֶס קֶענֶען פּוֹעֵל'ן. אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט לָאזְן דֶעם פְרוּמֶען יֵצֶר הָרָע אָפְּקִילְן דָאס לִיבְּשַׁאפְט פוּן עֶנְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין טַאטֶע טְשֶׁעפֶּעט מִיר פַאר'ן פָארְן קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ"א, נָאכ'ן אַרוֹיסְפָארְן פְרֵי אוּן זִיךְ וַואלְגֶערְן אִין פְרֶעמְדֶע מְדִינוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעצָאלְט דְרֵיי טוֹיזְנְט דָאלֶער אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְגֶעקוּמֶען.

יֶעצְט רַייסְט מִיר מַיין טַאטֶע אַרָאפּ פַאר בַּל תַּשְׁחִית אוֹיף אִידִישׁ גֶעלְט, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, וָואס קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מְחַזֵּק זַיין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶרְשְׁטְנְס, דַארְפְסְטוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): **"מִי שֶׁהָיָה אֶצְלִי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמוֹחַ מְאֹד כָּל הַשָּׁנָה"**, וֶוער עֶס הָאט זוֹכֶה

גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ אַ גַאנְץ יָאר פְרֵייעֶן; בִּפְרַט דִי יָאר ווען עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל שְׁוֶועריקֵייטְן צוּ קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - דַארְף מֶען זַיין מְשׁוּנָה פְרֵיילִיךְ.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס מֵיינְט זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער עוֹנֶשׁ פוּן מְגֻלְגָּל וֶוערְן, דַארְפְן נָאכְאַמָאל אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט - אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר אוּן יִסּוּרִים וָואס אַ נְשָׁמָה מַאכְט מִיט ווען מֶען שִׁיקְט אִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי וֶועלְט", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמו) מֶען זָאל זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן אוֹיבְן אִין הִימְל בַּיים בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה אוּן זָאגְן: "עֶקְט מִיט מִיר דָא, אִיךְ ווִיל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן גִּלְגּוּל", ווען מֶען שְׁטֵייט פַארְ'ן בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה זָאל מֶען זָאגְן פַארְ'ן בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה אַז מֶען אִיז גְרֵייט צוּ נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ אַלֶע שְׁטְרָאפְן, אַלֶע גֵיהִנּוֹם'ס - אַבִּי נִישְׁט צוּ דַארְפְן נָאכְאַמָאל אַרָאפּ קוּמֶען בָּזֶה הָעוֹלָם, "מִיט דֶעם אַלֶעם" - הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ מֶען ווֶעט מִיר גֶעבְן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט נָאכְאַמָאל צוּ קֶענֶען גֵיין צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן ווֶעל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרָאפּ קוּמֶען נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי וֶועלְט, אַבִּי צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן".

מֶענְטְשְׁן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר, פַארְוָואס זֶענֶען בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ קֶענֶען זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט אוֹיסְגֶעגֶעבְן דִי יָאר שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער מֶען זָאל קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן הָאבְּן זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט אִין מְדִינוֹת, מֶען אִיז גֶעפָארְן פוּן אֵיין עֶירְפָּארְט צוּם צְוֵייטְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁלָאפְן טֶעג אוּן נֶעכְט אִין עֶירְפָּארְט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעבְּלִיבְן שְׁטֶעקְן אִין פֶעלְדֶער אוּן וועלְדֶער פַאר וָואכְן לַאנְג אַבִּי מֶען זָאל קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט דָאס נִישְׁט, מֶען פְרֶעגְט דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלָה וָואס דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם פְרֶעגְן (פִּיּוּט אַקְדָּמוּת): "מְנָן וּמָאן הוּא רְחִימָךְ, שַׁפְּרָא בְרֵוָתָא, אֲרוּם בְּגִינֵהּ סָפֵית מְדוֹר אַרְיָוָתָא", וֶוער אִיז דַיין לִיבֶּער פְרַיינְט? וֶוער אִיז דַיין שֵׁיינְקֵייט - אַז דוּ בִּיסְט גְרֵייט צוּ לַיידְן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי

גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה; נָאכְן הֶערְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן קוּקְט מֶען אוֹיף גֶעלְט? אִינְטֶערֶעסִירְט גֶעלְט? מֶען גֶעבְּט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע גֶעלְט וָואס מֶען הָאט - אַבִּי צוּ זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", עֶס אִיז מִיר אַ ווָאוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר; נָאכְן הֶערְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן קוּקְט מֶען אוֹיף גֶעלְט? אִינְטֶערֶעסִירְט נָאךְ גֶעלְט? מֶען גֶעבְּט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע גֶעלְט וָואס מֶען הָאט אַבִּי צוּ זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דָאךְ (בֵּיצָה טז.): "כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים, חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב וְהוֹצָאַת בָּנָיו לְתַלְמוּד תּוֹרָה, שֶׁאִם פָּחַת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ", רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְשֶׁעט פוּנֶעם יָאר; בַּיים רֶבִּי'ן קֶען מֶען אוֹיסְבֶּעטְן אַ גְרֶעסֶערֶע פַּרְנָסָה אוּן דֶער רֶבִּי צָאלְט צוּרִיק דִי גַאנְצֶע שְׁפֶּעזְן וָואס עֶס קָאסְט צוּ קוּמֶען צוּ אִים.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ אַלֶעס וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אוּן מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען: "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן - כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם, מִי בַחֶרֶב, וּמִי בָרָעָב, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַּגֵּפָה"; אוּן נָאךְ מֶער וִוי דָאס וָואס מֶען רֶעכְנְט אוֹיס לִיגְט צְוִוישְׁן דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תסו): "וֶוען דֶער חַזָּן זָאגְט 'מִי... וּמִי...' אִיז מְרוּמָז אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אִינֶעם פִּיּוּט פוּן וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף";

פְרֶעג אִיךְ דִיר, אוֹיבּ עֶס וַואַרְט דִיר חַס וְשָׁלוֹם אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט, דוּ דַארְפְסְט זוּכְן אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר (עוֹרֵךְ דִין) זָאל דִיר רַאטֶעוֶועןְ פוּן דֶעם גְרוֹיסְן מִשְׁפָּט, וָואלְסְטוּ גֶעקוּקְט אוֹיף גֶעלְט? וָואלְט דִיר אִינְטֶערֶעסִירְט גֶעלְט? אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַבִּי עֶר זָאל לֶעבְּן, "עוֹר בְּעַד עוֹר, וְכֹל אֲשֶׁר לָאִישׁ, יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ (איוב ב, ד), זָאגְט רַשִׁ"י: "כֵּן דֶרֶךְ בְּנֵי אָדָם; כְּשֶׁרוֹאֶה הַחֶרֶב בָּאָה עַל רֹאשׁוֹ, מֵגֵין בִּזְרוֹעוֹ לְפָנָיו, וְכָל שֶׁכֵּן כָּל אֲשֶׁר לְאִישׁ בְּמָמוֹן - יִתֵּן", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז מֶען וִויל אִים חַס וְשָׁלוֹם שְׁטֶעכְן אִין קָאפּ, לֵייגְט מֶען דִי הַאנְט - מֶען זָאל עֶנְדֶערְשׁ צֶעשְׁטֶעכְן דִי הַאנְט וִוי אֵיידֶער דֶעם קָאפּ וְכוּ', אוּן זִיכֶער אַז מֶען וֶועט זִיךְ רַאטֶעוֶועןְ מִיט גֶעלְט וִוי אֵיידֶער מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן.

עֶנְטְפֶער נִישְׁט וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִיר, בִּפְרַט טַאטֶע מַאמֶע טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן. נֶעם אָן דִי שְׁטֶעכְן אוּן טְשֶׁעפֶּען פַאר כַּפָּרַת עֲוֹונוֹת אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען זַיין קוּמֶענְדִיגְן יָאר מִיט מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אָמֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מֶען מַאכְט חוֹזֶק וֶוען אִיךְ גֵיי הֲפָצָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אֵיין טָאג הֲפָצָה אוּן אֵיינֶער הָאט גֶענוּמֶען פוּן מִיר אַ קוּנְטְרֵס מִיט אַ סִידִי, עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע סוּמֶע גֶעלְט דֶערְפַאר, אָבֶּער עֶר הָאט מִיר אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז נָאר אִין בְּרֶסְלֶב טוּט מֶען אַזֶעלְכֶע זַאכְן צוּ גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן זֵייעֶרֶע זַאכְן אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶערֶעדְט מִיאוּס בִּכְלַל אוֹיף חֲסִידִישֶׁע אִידְן.

וֶוען אִיךְ הָאבּ עֶס נָאכְדֶעם דֶערְצֵיילְט פַאר אַ מֵפִיץ הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז מוֹהֲרָא"שׁ אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט נֶעמֶען גֶעלְט פוּן אֵיינֶער וָואס רֶעדְט קֶעגְן דִי סְפָרִים. וִויל אִיךְ וִויסְן וָואס צוּ טוּן אוֹיבּ עֶס קוּמְט מִיר נָאכְאַמָאל אוּנְטֶער אַזַא פַאל.

יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גָאר שְׁטַארְק פַארְבֶּעסֶערְט זַייט אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, סְפֶּעצִיעֶל אִין בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, וָואס אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל

נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז אִיךְ װֶעל זִיךְ נָאךְ קֶענֶען טוֹישְׁן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי װֶעלְט, דוּ בְּרֶענְגְסְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים װָאס מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ גְרִינְגֶע לָשׁוֹן פַאר פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן װִי מִיר זֶענֶען, װֶעקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן װֶען מֶען פָאלְגְט דִי עֵצוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ װֶערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן "הֲפָצָה"; װָאוּ דוּ גֵייסְט אוּן װָאוּ דוּ שְׁטֵייסְט זָאלְסְטוּ הַאלְטְן פַאר דַיינֶע אוֹיגְן 'װִי קֶען אִיךְ מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אַ אִיד מִיט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים?' דָאס װֶעט זַיין אַ תִּיקוּן פַאר אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים װָאס דוּ דַארְפְסְט מְתַקֵּן זַיין, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", אַז מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן מֶען װִיל מְתַקֵּן זַיין דִי עֲבֵירָה, זָאל מֶען עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ לֵיצָנוּת אוֹיף הֲפָצָה, דִי װָאס גֵייעֶן הֲפָצָה דַארְפְן אַרִיבֶּער גֵיין שְׁװֶערִיקֵייטְן; מֶענְטְשְׁן לַאכְן, מֶענְטְשְׁן שְׁפֶּעטְן וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אַז מֶען װֵייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן הֲפָצָה פַאלְן אַװֶעק אַלֶע מְנִיעוֹת, מֶען װֶערְט נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט פוּן גָארְנִישְׁט. קוּק אַרַיין אִין דִי װֶערְטֶער װָאס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר, אַ מֶענְטְשׁ װָאס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא.

גָּרִים לְאַכְפְּיָא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

וֶוען מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת, מֶען רֶעדְט קֶעגְן דִי סְפָרִים - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין וִיכּוּחִים אוּן זִיכֶער נִישְׁט נֶעמֶען גֶעלְט פוּן אַזַא אֵיינֶעם, גֶעדֶענְק וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, דֶער חָכָם פוּן דִי וֶועלְט זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, ד): "אַל תַּעַן כְּסִיל כְּאִוַּלְתּוֹ", עֶנְטְפֶער נִישְׁט דֶעם נַאר, "פֶּן תִּשְׁוֶה לּוֹ גַם אָתָּה", וַוייל וֶוער עֶס עֶנְטְפֶערְט אַ נַאר אִיז אַלֵיינְס אַ נַאר; דוּ גֵיי הֶפְּצָה אוּן אַז מֶען מַאכְט חוֹזֶק וְכוּ' - זָאלְסְטוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לב.): "שַׁבְקֵיהּ לְרַוְיָא - דְּמִנַּפְשֵׁיהּ נָפִיל", קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט אַ שִׁיכּוֹרְ'ן מֶענְטְשׁ, דַארְפְסְט אִים נִישְׁט אַרָאפּ וַוארְפְן וַוייל עֶר וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מַיינֶע קָאלֶעגֶעס בַּיי דִי אַרְבֶּעט רֶעדְן אוֹיף מִיר, וָואס טוּ אִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידל וָואס אַרְבֶּעט מִיטְ'ן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ צְוֵויי קִינְדֶער מִיט וֶועם אִיךְ דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן, אוּן אַזוֹי זֶענֶען דָא דָארְט נָאךְ מֵיידְלֶעךְ וָואס יֶעדֶער הָאט צְוֵויי קִינְדֶער זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זֵיי.

לֶעצְטְנס הָאב אִיךְ צוּריק גֶעהֶערְט אַז אַ גֶעוויסֶע מֵיידל וָואס אַרְבֶּעט דָארְט רֶעדְט צוּ דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי קִינְדֶער מִיט וֶועם אִיךְ גֶעב זִיךְ אָפּ, אוּן זִי זָאגְט זֵיי אַז אִיךְ טוּ גָארנִישְׁט מִיט זֵיי אַ גַאנְצְן טָאג, זֵיי קְלָאצְן סְתָּם אַוֶועק. דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אִיךְ גֶעב זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר גוּט אָפּ מִיט זֵיי, אוּן עֶס טוּט מִיר שְׁרֶעקְלִיךְ וֵויי אַז זִי לָאזְט סְתָּם אַזוֹי אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף מִיר.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיב אִיךְ מֶעג רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוּן צוּ דִי אָנְפִירֶער פוּן דֶעם פְּלַאץ דֶערְוֶועגְן, אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס אִיךְ קֶען טוּן אִיבֶּער דֶעם, ווַייל עֶס טוּט מִיר בֶּאֱמֶת זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט עֶס אַזוֹי צְווִישְׁן אַרְבֶּעטֶער, וֶוען מֶען זֶעט אֵיינֶעם מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי אַרְבֶּעט וֶוערְט אַ שְׁטִיקְל קִנְאָה, אֵיינֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּעֶסְן דֶעם צְוֵוייטְן; דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן זוּכְן אוּנְטֶערְצוּבְּרֶענְגֶען אַ צְוֵוייטְן - אַלְץ נֶעמְט זִיךְ פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן קִנְאָה. דִי מִדָּה פוּן קִנְאָה אִיז דִי עֶקֶלְדִיגְסְטֶע מִדָּה וָואס אִיז דָא, מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט דֶעם, מֶען לֶעבְּט מִיט דֶעם אוּן מֶען שְׁטַארְבְּט מִיט דֶעם; אַלֶע צָרוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן אִין לֶעבְּן אִיז אַלְץ פוּן קִנְאָה, וֶוען מֶען אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן, מֶען טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג אַז אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן.

עֶס הֵייבְּט זִיךְ נָאךְ אָן וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן; וֶוען אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אַלֶע שְׁפִּילְן זִיךְ מִיטְ'ן קִינְד, מֶען גֶעבְּט אִים כָּבוֹד אִיבֶּערְ'ן קָאפּ, בִּיז וֶוען עֶס קוּמְט אַ צְוֵוייטֶע קִינְד אוּן דִי מִשְׁפָּחָה הֵייבְּט אָן גֶעבְּן כָּבוֹד אוּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַארְ'ן צְוֵוייטְן, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֶען ווִי דֶער עֶלְטֶערֶער קִינְד וֶוערְט פָּשׁוּט מְשׁוּגָע, עֶר קֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, עֶר אִיז מְקַנֵּא דֶעם יוּנְגֶערְן, דָאס מַאכְט אַז דֶער עֶלְטֶערֶער זוּכְט נָאר ווִי עֶר קֶען טְשֶׁעפֶּען דֶעם יוּנְגֶערְן, עֶר צִיפְּט אוּן שְׁלָאגְט.

נָאכְדֶעם וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער וַואקְסְט מִיט דִי קִנְאָה, מֶען טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג ׳דֶעם גֵייט גוּט, יֶענֶעם גֵייט גוּט׳, מֶען עֶסְט זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה - עֲצָמוֹתָיו מַרְקִיבִין", וֶוער עֶס אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט; בְּפַּשְׁטוּת גֵייט עֶס אַרוֹיף אוֹיף נָאךְ דִי פְּטִירָה, אַז אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא גֶעוֶוען וֶועט זַיין גוּף נִישְׁט פַארְפוֹילְט וֶוערְן אִין קֶבֶר. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט קִנְאָה, וֶוערְן אִים זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ; בְּמֶשֶׁךְ זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן עֶסְט עֶר זִיךְ אוֹיף: ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא לֶעבְּן וִוי יֶענֶעם?׳ ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא וַוייבּ וִוי יֶענֶער?׳ ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא הוֹיז וִוי יֶענֶעם?׳ וָואס בֶּאֱמֶת דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אַז אוֹיב דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן דִי סָארְט לֶעבְּן; אַזַא וַוייבּ, אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער, וְכוּ׳ וְכוּ׳, דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר מִיר, אוּן בֶּעסֶער קֶען נִישְׁט זַיין.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז, דִי מִדָּה פוּן קִנְאָה גֵייט מִיט מִיטְ׳ן מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ נָאכְן שְׁטַארְבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אַ נִפְטָר וָואלְט זִיךְ וֶוען גֶעקֶענְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִינְמִיטְן דִי לְוַיָ׳ צֵיילְן וִויפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ זַיין לְוַיָ׳ וָואלְט עֶר נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט גֶעהַאט אַ גְרֶעסֶערֶע לְוַיָ׳ פוּן אִים", אַזוֹי שְׁטַארְק גֵייט דִי טִפְּשׁוּת פוּן קִנְאָה.

דִי גַאנְצֶע גָלוּת וָואס מִיר לַיידְן אִיז נָאר פוּן קִנְאָה; מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען טוּט שְׁלֶעכְטְס אֵיינֶער פַארְ׳ן צְוֵוייטְן, אַלְץ וַוייל מֶען טְרַאכְט: ׳יֶענֶער הָאט מֶער׳, ׳יֶענֶער אִיז מֶער גֶעלוּנְגֶען׳; דֶערִיבֶּער זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת קִנְאָה, סִימָן א): "כְּשֶׁיִּתְבַּטֵּל הַקִּנְאָה, אֲזַי יִהְיֶה קִבּוּץ גָּלֻיּוֹת", וֶוען עֶס וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן קִנְאָה, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט גְלִיסְטְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, וֶועלְן מִיר צוּרִיק גֵיין אַלֶע אִינְאֵיינֶעם קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיסְצוּרַייסְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, דָאס קֶען מֶען נָאר אַז מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִּיק, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ה): "עַל יְדֵי בִּיאָתְךָ לַצַּדִּיק יִתְבַּטֵּל מִמְּךָ הַקִּנְאָה", אַז מֶען קוּמְט צוּ אַ צַדִּיק וֶוערְט בָּטֵל דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן קִנְאָה; דֶער צַדִּיק עֶפְנְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן אַ צְוֵוייטְן, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן; מֶען אִיז שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ, מֶען פְרֵיידְט

זִיךְ מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט.

נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט צוּם הַארְצְן וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אַייךְ, אִיר זָאלְט וַוייטֶער טוּן אַייעֶר אַרְבֶּעט מִיט אַ גֶעטְרֵיישַׁאפְט, אִיר זָאלְט אֲפִילוּ נִישְׁט פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פַּארְעֶנְטְפֶערְן וַוייל אִיר וֶועט סַיי וִוי נִישְׁט קֶענֶען. גֶעדֶענְקְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל רֶעדְן אוּן מַסְבִּיר זַיין מֶען זָאל אִים הֶעלְפְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֵדִיּוֹת ה, ז): וֶוען עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל הָאט גֶעהַאלְטְן פַארְ'ן נִפְטָר וֶוערְן, הָאט אִים זַיין זוּן גֶעבֶּעטְן: "אַבָּא, פְּקוֹד עָלַי לַחֲבֵרֶיךָ", זָאג פַאר דַיינֶע חֲבֵרִים זֵיי זָאלְן מִיר מְקָרֵב זַיין. הָאט אִים עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֵינִי מַפְקִיד", אִיךְ זָאג זֵיי גָארְנִישְׁט וֶועגְן דִיר; הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "שֶׁמָּא עַוְלָה מָצָאתָ בִּי", טַאטֶע, בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר? הָאסְט גֶעטְרָאפְן אִין מִיר אַ זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ נִישְׁט גוּט, אַז דוּ ווילְסְט נִישְׁט בֶּעטְן דִי חֲבֵרִים זֵיי זָאלְן מִיר מְקָרֵב זַיין? הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, נָאר 'מַעֲשֶׂיךָ יְקָרְבוּךָ וּמַעֲשֶׂיךָ יְרַחֲקוּךָ', דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וֶועלְן מַאכְן מֶען זָאל דִיר מְקָרֵב זַיין, אוּן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וֶועלְן מַאכְן מֶען זָאל דִיר מְרַחֵק זַיין".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אַז סְ׳אִיז דָא טַעֲנוֹת, דַארְף מֶען אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע זַייטְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ.**

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַלֶע אַייעֶרֶע טַעֲנוֹת וָואס אִיר הָאט אוֹיף הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר; אוֹיבּ אִיר וִוילְט אִיךְ זָאל פַּסְקְ׳עֶנֶען וֶועל אִיךְ דָאס טוּן לוֹיט דִי תּוֹרָה׳דִיגֶע וֶועג. אִיךְ וֶועל מַאכְן אַ צַייט וֶוען עֶס אִיז גוּט סֵיי פַּאר עֶנְק אוּן סֵיי פַּאר זֵיי, בֵּיידֶע וֶועלְן מִיר זִיצְן אִינְאֵיינֶעם, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ פַּסְקְ׳עֶנֶען.

זֵיי וֶועלְן זִיךְ פַּארְבִּינְדְן מִיט עֶנְק אוּן אָפְּשְׁמוּעֶסְן אַ צַייט וֶוען עֶס אִיז גוּט פַּאר בֵּיידֶע, אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען פַּסְקְ׳עֶנֶען.

עֶס אִיז נִישְׁט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אוּן נִישְׁט דָאס צְוֵוייטֶע מָאל וָואס מֶען קוּמְט צוּ מִיר מִיט טַעֲנוֹת אוֹיף הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אַז עֶר בַּא׳גַנְבְ׳עֶט אוּן עֶר בּוֹיט נִישְׁט גוּט, עֶר זָאגְט לִיגְנְט וְכוּ׳ וְכוּ׳; יֶעדֶעס מָאל מֶען קוּמְט צוּ מִיר מִיט אַ טַעֲנָה דַארְף אִיךְ דָאס אוֹיסְהֶערְן מִיט בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם.

אִיךְ וֶועל אַלֶעס טוּן וָואס אִיךְ קֶען עֶס זָאל זַיין יוֹשֶׁר אִין שְׁטֶעטְל, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן בַּא׳גַנְבְ׳עֶט אָדֶער בַּא׳עַוְולְ׳ט חַס וְשָׁלוֹם.

...

## גֶעבּ זַייעֶר אַכְטוּנְג אֵיידֶער דוּ זָאגְסְט אָפּ אַ שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זָאג נִישְׁט אָפּ קַיין שִׁידוּךְ, נָאר אוֹיבּ דִי מֵיידְל אִיז לֹא עָלֵינוּ נִישְׁט גֶעזוּנְט אָדֶער נִישְׁט עֶרְלִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אַז בַּיי זֵיי גֵייט מֶען מִיט אַ טִיכְל אוּן בַּיי אַייךְ גֵייט מֶען נִישְׁט אַזוֹי - זָאל דִיר דָאס נִישְׁט שְׁטֶערְן אוּן נִישְׁט אָנְגֵיין, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (בְּהַעֲלוֹתְךָ קנב.) אַז נַארָאנִים אוּן שׁוֹטִים קוּקְן אוֹיף דִי קְלֵייד, וְוידֶערְאוּם חֲכָמִים קוּקְן וָואס אִיז אוּנְטֶער דִי קְלֵייד; מֶען קוּקְט אוֹיף דִי זַאךְ אַלֵיינְס.

דֶער עִיקָר בַּיי אַ מֵיידְל אִיז גוּטֶע מִדּוֹת; אַז מֶען טְרָאגְט דִיר אָן אַ שִׁידוּךְ אַ וואוֹילֶע, עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע - זָאלְסְטוּ זִיכֶער אוֹיסְהֶערְן, זִיךְ טְרֶעפְן אוּן וָואס שְׁנֶעלֶער עֶנְדִיגְן.

אַז אִיר מִשְׁפָּחָה זֶענֶען קַנָּאִים אִיז דָאס נִישְׁט קַיין חִסָרוֹן, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען מִתְנַגְדִים אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער; מִיר הָאבְּן אַזֶעלְכֶע לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, מִיר קֶענֶען יֶעדְן אֵיינֶעם בֵּייקוּמֶען מִיט חָכְמָה. דִי בַּת קֵיסָר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן עֶלְצְטְן גַּזְלָן (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, מַעֲשֶׂה ב - מִמֶּלֶךְ וְקֵיסָר): "מִיר זֶענֶען אוֹיךְ גַּזְלָנִים; נָאר אִיר זֶענְט גַּזְלָנִים מִיט אַייעֶר גְּבוּרָה אוּן מִיר זֶענֶען גַּזְלָנִים מִיט חָכְמָה"; מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס שֵׂכֶל קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז מֶען הָאט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס דְרוּקְן דִי סְפָרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶרְשְׁטְנְס, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר.

בְּנוֹגֵעַ דִי בֵּית הַדְפוּס; עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז מֶען הָאט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס

דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פוּן פָארְאוֹיס אַז דָאס גֵייט פַּאסִירְן, בִּיז דֶערְוַוייל שְׁרֵייעֶן דִי מֵפִיצִים אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין קוּנְטְרֵסִים.

בְּנוֹגֵעַ עֶפֶּענֶען נָאךְ אַ קָאנְגְרֶעגֶעישְׁן וְכוּ'; אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים אֶל פָּנִים.

בְּנוֹגֵעַ גֶעלְט פַאר אוּמַאן; אִיךְ וֶועל זָאגְן ... זָאל שִׁיקְן 1500$ פַאר הִיטְן דֶעם בִּנְיָן, 700 צוּ וִוינְטֶערֵייזְן דֶעם בִּנְיָן, 600 פַאר דִי עֶלֶעקְטֶערִיק אוּן 5000 פַאר...

אוֹיבּ דוּ הָאסְט גֶעלְט פוּן נְדָרִים אוּן נְדָבוֹת וָואס אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל בְּמֶשֶׁךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ קוֹיפְן אַ דְזְשֶׁענֶערֶעיטָאר, כְּדֵי דִי שׁוּל זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לֶעקְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אֵייעֶר מֵיידְל פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.**

אִיךְ וִויל אַייךְ בְּרֶענְגֶען אַ נַחַת גְרוֹיס פוּן אַייעֶר טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ'; אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶערֶעדְט מִיט מָרַת ... תִּחְיֶ', זִי זָאגְט מִיר מִיט אַ פוּלְן מוֹיל אַז אַייעֶר טָאכְטֶער אִיז פוּן דִי גֶעצֵיילְטֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, זִי אִיז אַ בַּת פֵּיגָא תַּלְמִידָה; זִי לַאכְט נִישְׁט, זִי פִירְט זִיךְ דֶערְוַואקְסְן.

עֶס קוּמְט אִיר זָאלְט אִיר כְּסֵדֶר אוֹיסְרִימֶען אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן זִי זָאל וִויסְן אִיר חֲשִׁיבוּת; זָאגְט פַאר אַייעֶר טָאכְטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן, זָאגְט אִיר אַז זִי גֶעבְּט מִיר נַחַת.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר דַאנְקֶען מָרַת ...., זִי גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר דִי קִינְדֶער בְּלֵב וָנֶפֶשׁ.

...

### אַ רִיכְטִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ "בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידָה"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק.**

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס פַאר אַ נַחַת אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר, מָרַת ... תְּחִיֶ' אוּן דַיינֶע טִיטְשֶׁערְס זָאגְן מִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ רִיכְטִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ "בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידָה".

דוּ בִּיסְט אֵיין שְׁטִיק דֶרֶךְ אֶרֶץ, אֵיין שְׁטִיק אֵיידְלְקֵייט; דוּ בִּיסְט זֵייעֶר קְלוּג אוּן דֶערְוַואקְסְן, דוּ וֵוייסְט אַז פָאלְגְן אַ טִיטְשֶׁער - דָאס מַאכְט חָשׁוּב. הַלְוַאי זָאלְן דִיר אַלֶע מֵיידְלֶעךְ נָאכְמַאכְן.

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר דַיינֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דִי חָשׁוּבֶ'עֶ תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא ... תְּחִיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶערֶעדְט צוּ מָרַת ... תְּחִיֶ', זִי זָאגְט מִיר פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין סְקוּל, זִי דֶערְצֵיילְט מִיר כִּמְעַט יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג דִי אַלֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיף וִוי בֶּעבִּי"ס, זֵיי לַאכְן אִין קְלַאס אוּן זוּכְן וִוי מֶען קֶען שְׁטֶערְן.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן דַיין נָאמֶען פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אוֹיף דִיר עֶפֶּעס נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ דִי אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מַאכְן, לַאכְן אָדֶער שְׁטֶערְן דִי טִיטְשֶׁער.

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי זָאלְן הָאבְּן נַחַת פוּן דִיר.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן זֵיי אָן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

פוּן נִישְׁט אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער, טְרַאכְט נִישְׁט אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער מֶעגְן גֵיין אַזוֹי, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט; וַוייל וִוי אַזוֹי דוּ לֶערְנְסְט אִים וֶוען עֶר אִיז יוּנְג אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיסְוַואקְסְן. וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דַיין זוּן מַאכְט אָפּ אַלְס בָּחוּר אַז עֶר טוּט אוֹיס זַיינֶע חֲסִידִישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן טוּט זִיךְ אָן אַזוֹי וִוי דוּ פּוּצְט אִים אוֹיס יֶעצְט אַלְס קִינְד? וָואלְסְט עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס וֶוען עֶר אִיז יוּנְג טוּסְטוּ אִים אָן אַזוֹי?!

בְּרֶענְג אוֹיף דִי קִינְדֶער עֶרְלִיךְ, מִיט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ אִידִישְׁקֵייט, סַיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן נָאךְ מֶער דִי מֵיידְלֶעךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יא, ה): ״יְבָרֶכְךָ בְּבָנִים״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט זוּן, ״וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת״, אוּן דִיר אָפְּהִיטְן דַיינֶע טֶעכְטֶער, ״שֶׁצְּרִיכוֹת שְׁמִירָה״, מִיט טֶעכְטֶער דַארְף מֶען הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁמִירָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען טוּט אָן קִינְדֶער. עֶלְטֶערְן מֵיינֶען אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט; דִי גַאנְצֶע מֹחַ פוּן טַאטֶע מַאמֶע גֵייט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף מִיט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן זֵיי אָן.

אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין תַּקָּנוֹת אִין חֵדֶר, אֵיין תַּקָּנָה אִיז דָא: ״שֵׂכֶל״, עֶלְטֶערְן דַארְפְן הָאבְּן שֵׂכֶל מְחַנֵּךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט אַ אִידִישְׁן טַעַם. אִיךְ פַאר מִיר קוּק אוֹיף קִינְדֶער אוּן עֶס פַארְעֶקֶלְט מִיר, זֶעעֶנְדִיג אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה, אַ זוּיבֶּערְקֵייט - אָנְגֶעטוּן אוּמְאֵיידְל, פַארְקֶערְט וָואס דָאס קִינְד אִיז.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד, זָאגְנְדִיג דֶערְבֵּיי: ״זֶעסְט, דָאס אִיז דֶער

תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְּלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער״; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ תְּפִלָּה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער גְרִינְג אוּן גֶעזוּנְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן בְּשֵׁם דַיין וַוייבּ, זִי ווִיל אַ תְּפִלָּה וָואס צוּ זָאגְן בְּשְׁעַת זִי גְרֵייט זִיךְ צוּ הָאבְּן לְמַזָּל טוֹב.

דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה:

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד בִּרְמַ״ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ״ה גִידִים. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ בִּין דֶערְשְׁרָאקְן ווִי צוּם טוֹיט חַס וְשָׁלוֹם, אִיךְ בִּין אִין אַ פַּאנִיק; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט, אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועןזֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ לִיג אִין דַיינֶע הֶענְט, עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן צוּ מִיר, נָאר דוּ טוּסְט אַלֶעס, אָמֵן״.

זָאג דַיין וַוייבּ דֶער עִיקָר אִיז אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער, אֱמֶתְ׳עֶ וֶוערְטֶער - אַרוֹיס פוּן הַארְץ.

...

## לָאזְט אַייךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

פַארְוָואס זָאלְט אִיר נִישְׁט זָאגְן אַייעֶר טַאטֶע שְׁלִיטָ״א אַז אֵיינֶער פוּן דִי שְׁטוּבּ מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען אַייךְ? אַייעֶר טַאטֶע אִיז גָאר אַ חָשׁוּבְ׳עֶר אִיד, עֶר וֶועט גְלַייךְ

מַאכְן סֵדֶר. טוּט וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים כב, כז): "צָעֲקָה הַנַּעֲרָה", אוּן עֶס וֶועט זַיין אַ מוֹשִׁיעַ פַאר אַייךְ; פַארְוָואס זָאלְט אִיר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אַז אֵיינֶער לוֹיפְט אַייךְ נָאךְ?

זַייט פֶעלְזְן פֶעסְט, הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם; אוֹיבּ דֶער בָּחוּר וִויל אַייךְ נָאר אָנְרִירְן זָאלְט אִיר שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים עֶר זָאל אַייךְ אָפְּלָאזְן, בְּלַייבְּט נִישְׁט שְׁטִיל אוּן וֶוערְט נִישְׁט פַארְגְלִייוֶוערְט וֶוען עֶר קוּמְט צוּ אַייךְ, זַייט שְׁטַארְק מִיט זִיךְ, אוּן אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם שְׁפְּרַאךְ זָאלְט אִיר נוּצְן דִי שְׁפְּרַאךְ פוּן פָּאלִיצֵיי, אָן קַיין שׁוּם רַחֲמָנוּת. גֶעדֶענְקְט (סַנְהֶדְרִין עב.): "הַבָּא לְהָרְגְךָ", אַז אֵיינֶער וִויל אַייךְ הַרְגְ'עֶנֶען, "הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ", זָאלְט אִיר אִים קוֹדֶם הַרְגְ'עֶנֶען; דָאס אִיז אֲפִילוּ בְּגוּף, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען אֵיינֶער וִויל הַרְגְ'עֶנֶען אַייעֶר גוּף וּנְשָׁמָה - אִיז דָאךְ זִיכֶער אִיר זָאלְט אִים קוֹדֶם הַרְגְ'עֶנֶען, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כא, ד): "גָּדוֹל הַמַּחְטִיאוֹ יוֹתֵר מִן הַהָרְגוֹ", וֶוען אֵיינֶער מַאכְט זִינְדִיגְן אִיז דָאס עֶרְגֶער פוּן הַרְגְ'עֶנֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מָרַת ... תִּחְיֶ' זִי זָאל אַייךְ הֶעלְפְן; זִי וֶועט רֶעדְן מִיט אַייךְ, זִי וֶועט אַייךְ שְׁטַארְקְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַאר מֶען שִׁיקְט אַוֶועק אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְבָרֵר זַיין אוֹיבּ דָאס אִיז אֱמֶת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַאר מֶען שִׁיקְט אַוֶועק אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְבָרֵר זַיין אוֹיבּ דָאס אִיז אֱמֶת; פְרֶעג אִים שְׁטִילֶערְהֵייט, זָאג אִים: "אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְטַמֵּא קִינְדֶער", קוּק אִים אִין דִי אוֹיגְן, וֶועסְטוּ גְלַייךְ זֶען וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז. אוֹיבּ אִיז דָאס אֱמֶת וֶועט עֶר מִמֵּילָא נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען, וַוייל דִי וֶועג פוּן דִי מְנֻוָּלִים אִיז אַז וֶוען מֶען קוּמְט אוֹיף זֵייעֶרֶע שְׁפִּירְן, זֵיי זֶעעֶן אַז מֶען וֵוייסְט וָואס גֵייט פָאר, זוּכְן זֵיי זִיךְ אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען דֶעם אֱמֶת.

...

## מְ׳וֶועט קֶענֶען נוּצְן דַיין דִירָה פַאר׳ן שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ ווִיל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר׳ן מַאכְן אַזַא הַכְנָסַת אוֹרְחִים דֶעם זוּמֶער פַאר דִי יְשִׁיבָה; מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ הָאסְטוּ אַריינְגֶענוּמֶען דִי בָּחוּרִים צוּ שְׁלָאפְן אוּמְזִיסְט, אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת הַכְנָסַת אוֹרְחִים, חֵלֶק א׳, סִימָן ג): ״הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכֶּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים״, הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז מְסוּגָּל פַאר קִינְדֶער; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, חֵלֶק ב׳, סִימָן א): ״עַל יְדֵי הַכְנָסַת אוֹרְחִים אֵימָתוֹ מֻטֶּלֶת עַל הַבְּרִיּוֹת״, אוֹיךְ אִיז דָאס אַ סְגוּלָה: ״לְהַחֲזִיר לְאִשָּׁה וְסִתָּהּ (שָׁם, סִימָן ב)״.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אַ טוֹבָה, מִיר מַאכְן אַ שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת פַאר דִי תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵּיגָא, סֵיי דִי מֵיידְלֶעךְ פוּן סְקוּל אוּן סֵיי דִי מֵיידְלֶעךְ פוּן קֶעמְפּ; דִי עֶלְצְטֶע קְלַאס. מִיר מַאכְן דָאס אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ זוּךְ אַ פְּלַאץ פַאר זֵיי צוּ שְׁלָאפְן, אוֹיבּ אִיז מֶעגְלִיךְ צוּ נוּצְן דַיין דִירָה פַאר זֵיי צוּ שְׁלָאפְן. עֶסְן וֶועלְן זֵיי מִיט זֵייעֶר מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ׳. זַיי מִיר מוֹדִיעַ, וַוייל עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר ווִיכְטִיג מְחַזֵּק צוּ זַיין דִי מֵיידְלֶעךְ, זֵיי אָנְגְרֵייטְן פַאר׳ן לֶעבְּן.

...

## אַנְשְׁטָאט הֶערְן הַאטְלֵיינְס, זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ פְרִיעֶר גֶערֶעדְט מִיט ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט ווִי פְּלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט צוּזַאמֶען מִיט דִי אַנְדֶערֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט.

עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר דֶערְפְרֵיידְט, מַמָּשׁ זֶה חֶלְקִי מִכָּל עֲמָלִי, דָאס אִיז מִיר וֶוערְד

פון מַיין פְּלָאג און מִי, צוּ הֶערְן ווִי פְלַייסִיג דִי תַּלְמִידֵי הַכּוֹלֵל לֶערְנֶען.

אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל, וֶועל אִיךְ בַּאצָאלְן אַלֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט פַאר אַלֶע וָואכְן פוּן חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק אַלֶעמֶען, בִּפְרַט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳; וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים, דוּ עֶסְט נַאכְטְמָאל, דִי צַייט וָואס דוּ בִּיסְט אִין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ מִיט אִיר פַארְבְּרֶענְגֶען. הֶער נִישְׁט קַיין הַאטְלֵיינְס, נִישְׁטָא וָואס צוּ הֶערְן, זֵיי מָאלְן וַואסֶער; דִי זֶעלְבֶּע נֵייעֶס גֵייט אִיבֶּער אוּן אִיבֶּער אוּן אִיבֶּער, יֶעדֶע מָאל מִיט אַנְדֶערֶע נֶעמֶען; רֶעד צוּ דַיין וַוייבּ אוּן הֶער אִיר אוֹיס.

...

**נַארִישֶׁע טֶעקְסְט גְרוּפְּס, נֶעמְט אַוֶועק דִי רוּאִיגְקֵייט פוּן שְׁטוּבּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

גֶעבּ אַכְטוּנְג עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין נַארִישֶׁע גְרוּפְּס אוֹיף אוּנְזֶער נָאמֶען, אוֹיף דִי קְהִילָה׳ס נָאמֶען; אַז דִי פְרוּיעֶן ווִילְן אַ טֶעקְסְט גְרוּפּ פַאר חֶסֶד אִיז גוּט, אָבֶּער אַז מֶען נוּצְט עֶס פַאר פּוּסְטֶע נַארִישֶׁע נִישְׁט ווִיכְטִיגֶע זַאכְן - זָאלְסְטוּ עֶס פַארְמַאכְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען, עֶס אִיז אַ שַׁאנְדֶע פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה אַז עֶס זָאל זַיין אַ טֶעקְסְט גְרוּפּ פוּן סְתָּם זַאכְן, עֶס נֶעמְט אַוֶועק טֵייעֶרֶע צַייט פוּן דִי מַאמֶע׳ס צוּ דִי קִינְדֶער, פוּן דִי וַוייבֶּער צוּ דִי מֶענֶער אוּן פוּן דִי פְרוּיעֶן צוּם אֵייבֶּערשְׁטְן. יֶעדֶע רֶגַע הֶערְט מֶען אַ בִּיפּ... לוֹיפְט מֶען צוּם טֶעלֶעפָאן, עֶס מַאכְט קְרַאנְק דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

אַז אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט אַ קִינְד לְמַזָּל טוֹב לֵייגְט אֵיינֶער אַרוֹיף אַ הוֹדָעָה אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען עֶנְטְפֶערְן יֶענֶעם פְּרִיוַואט, נִישְׁט פוּפְצִיג פְרוּיעֶן הֵייבְּן אָן שְׁרַייבְּן ״מַזָּל טוֹב״, ״מַזָּל טוֹב״, ״מַזָּל טוֹב״, ״מַזָּל טוֹב״; יֶעצְט הַאלְט דִי שְׁטֶעטְל בַּיי פוּפְצִיג מִשְׁפָּחוֹת, קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶועלְן מִיר הָאבְּן הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג מִשְׁפָּחוֹת קַיין עַיִן הָרָע, דָאס קֶען נִישְׁט אַזוֹי אַרְבֶּעטְן. אַז אֵיינֶער פְרֶעגְט וֶוער עֶס הָאט עֶפֶּעס צוּ בָּארְגְן, עֶנְטְפֶערְט מֶען יֶענֶעם פְּרִיוַואט; וֶוען אֵיינֶער פְרֶעגְט עֶנְטְפֶערְט מֶען יֶענֶעם, מֶען קֶען נִישְׁט מְשׁוּגָע מַאכְן אַ גַאנְצֶע שְׁטָאט מִיט טֶעקְסְט.

אִיךְ וֵויִיס פוּן מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן פַארְמַאכְט זֵייעֶר טֶעקְסְט אוּן דִי גַאנְצֶע

מִשְׁפָּחָה הָאט אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, דִי מַאמֶע אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען תְּחִיַּית הַמֵּתִים.

...

### נָאר לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען, אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ פַאר דִי גוּטֶע נַייעֶס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת, דַיין וַוייבּ זָאלְן הָאבְּן כֹּחַ, אַלֶעס זָאל אָנְקוּמֶען גְרִינְג.

יֶעצְט בְּלַייבְּט נָאר אִיבֶּער אֵיין זַאךְ, דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְן יֶעדְן טָאג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט עֶנְק אוּן אִיר זָאלְט בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

כָּל זְמַן אִיר קֶענְט דָאס פַארְהוֹילְן פוּן אַנְדֶערֶע - זָאלְט אִיר דָאס בַּאהַאלְטְן, אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען פַאר׳ן דַאוֶונֶען; קוּם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען, דִי גַאנְצֶע טָאג אִיז אַן אַנְדֶערֶע טָאג וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

...

### אִין יְשִׁיבָה וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען נָאר גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זַיי מִיר מוֹדִיעַ אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט שַׁאפְן אַ בָּאס, מִיר מַאכְן אַ שַׁבָּת הִתְוַועֲדוּת פַאר תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא אִין שְׁטֶעטְל, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא; לָאז מִיר וִויסְן וִויפִיל עֶס קָאסְט אוּן צִי דוּ קֶענְסְט זֵיי אַרוֹיפְטְרָאגְן פְרַייטָאג אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען זוּנְטָאג.

זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף קַיין אֵיין טָאג צוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן הֲלָכָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַרוֹיפְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה; אִיךְ בֶּענְק נָאךְ דִיר, אִיךְ וַוארְט אוֹיף

דִיר, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען נָאר גוּטֶע זַאכְן אִין יְשִׁיבָה.

...

## מְ׳דַארְף נִישְׁט מַאכְן דִי חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זָאג פַארְ׳ן מְחוּתָּן ... נֵרוֹ יָאִיר אַז פוּן מַיין זַייט קֶען עֶר חֲתוּנָה מַאכְן זַיין טָאכְטֶער אִין אַ זַאל; אִיךְ זוּךְ נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת, אִיךְ הָאבּ אִים נָאר גֶעוָואלְט הֶעלְפְן. אַז דִי אַנְדֶערֶע צַד פַארְפִירְט, עֶר סְטְרַאשֶׁעט אַז עֶר גֵייט פַארְבְּרֶענֶען דִי יְשִׁיבָה, עֶר גֵייט מִיר אַרֶעסְטִירְן - זָאל עֶר עֶס מַאכְן אִין אַ זַאל.

נִישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, פַארְקֶערְט, אִיךְ בִּין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ הַאנְדְלֶען מִיט אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת, נָאר עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס קַיין מַחֲלֹקֶת, וְדַ״ל.

שְׁטַארְק זִיךְ, דוּ מַאךְ נָאךְ שִׁידוּכִים; ווִי מֶער דוּ קֶענְסְט מַאכְן שִׁידוּכִים זָאלְסְטוּ מַאכְן נָאךְ אוּן נָאךְ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה - מַאכְן שִׁידוּכִים.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי שְׁלִיחוּת, עֶר זָאל טוּן וָואס אִיז גוּט פַאר אִים, עֶר דַארְף נִישְׁט קוּמֶען מַאכְן דִי חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה.

...

## זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט אַ נֵייעֶם סֵדֶר, דוּ לֵייגְסְט זִיךְ שְׁלָאפְן פְרִי, דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף פִינְף אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען.

אִיךְ הָאבּ דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר מַאמִי תְּחְיֶ׳, מִיר הָאבְּן אִינְאֵיינֶעם גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער פִירְן זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

דַיין וַוייבּ תְּחְיֶ׳ שְׁרַייבְּט מִיר אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ, דוּ רֶעדְסְט שֵׁיין; וואוֹיל אִיז דִיר, וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק.

אִיךְ ווִיל דִיר אַבִּיסְל מוּסָר זָאגְן, אַ טַאטֶע דַארְף דָאךְ מוּסָרְ'ן אַ קִינְד; זֶע צוּ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ זָאלְסְט פוּן פְרִישׁ אָנְהֵייבְּן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת. זוּךְ דִיר אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ; אָדֶער אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער אִינְדְרוֹיסְן אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִיק; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן טָאג נָאךְ טָאג, נַאכְט נָאךְ נַאכְט.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן; עֶס אִיז שְׁפֶּעט, אִיךְ דַארְף שׁוֹין גֵיין שְׁלָאפְן.

...

## עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס וֶוער עֶס וֶועט עֶרְוֶועלְט וֶוערְן פַּאר פְּרֶעזִידֶענְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, לָאז זִיךְ אָפּ פוּן פָּאלִיטִיק; וָואס אִיז דִיר נוֹגֵעַ וֶוער עֶס וֶועט עֶרְוֶועלְט וֶוערְן פַּאר פְּרֶעזִידֶענְט? עֶס אִיז נִישְׁט מַעֲלָה אוּן נִישְׁט מוֹרִיד וֶוער עֶס וֶועט עֶרְוֶועלְט וֶוערְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר הִיט אוּנְז, עֶר הֵיילְט אוּנְז אוּן עֶר שְׁפַּייזְט אוּנְז.

זָארְג נִישְׁט אוּמְזִיסְטִיגֶע זָארְג; דַיין זָארְג זָאל זַיין: 'וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען גֶעוִוינֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס זוּכְט אוּנְז אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן?'

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דִי רֶעכְטֶע דַארְפְן גֶעוִוינֶען, דִי לִינְקֶע זֶענֶען אַ סַכָּנָה וְכוּ'; דַארְפְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דִי רֶעכְטֶע זֶענֶען רֶעכְט קֶעגְן דִי לִינְקֶע, אָבֶּער פַאר אוּנְז זֶענֶען זֵיי אַלֶע לִינְק, מִיר דַארְפְן קֶעמְפְן קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל אוּנְז מַאכְן לִינְק.

לַאךְ זִיךְ גוּט אוֹיס...

...

## אַנְשְׁטָאט אַ גְלַאנְצִיגֶע טֶעלֶעפָאן, הָאסְטוּ אַ גְלַאנְצִיגֶע לוּיטֶערֶע שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ הֶערְלִיכֶע גְרוּס אוֹיף דִיר, דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיווּ; זִי שְׁרַייבְּט אַז זַייט דוּ הָאסְט פַארְמַאכְט וָואטְ״ס עֶפְּ״פ אִיז אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ, זִי שְׁפִּירְט אַז זִי הָאט אַ מַאן, זִי הָאט מִיט וֶועם צוּ שְׁמוּעֶסְן, דַיין מֹחַ אִיז אִינְדֶערְהֵיים.

בֶּעפָאר דֶעם פְלֶעגְט זִי זֵייעֶר אַסַאךְ וֵויינֶען שְׁטִילֶערְהֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל הָאבְּן אַ מַאן וָואס דִי מֹחַ אִיז אִין שְׁטוּבּ, וָואס לוֹיפְט נִישְׁט יֶעדֶע מִינוּט צוּם טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקֵייט אָפְּצוּלָאזְן דִי גְלַאנְצִיגֶע בְּלִיטְשְׁקֶעדִיגֶע טֶעלֶעפָאן, אַנְשְׁטָאט דֶעם הָאסְטוּ אַ גְלַאנְצִיגֶע בְּלִיטְשְׁקֶעדִיגֶע לוּיטֶערֶע שְׁטוּבּ.

...

## דַיין יְשׁוּעָה אִיז זֵייעֶר נָאנְט, וַוארְט עֶס אוֹיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

זַיי מִיר דָן לְכַף זְכוּת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזֶען דַיינֶע הוֹדָעוֹת.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט בֶּעטְן פַאר דִיר, פַאר דַיין מַאן אוּן דַיינֶע קִינְדֶער. מַיין הַארְץ אִיז צֶערִיסְן פַאר דִיר, אִיךְ וֵוייס דִיר נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ טְרַאכְט פוּן דַיינֶע וֵוייטָאגְן טְרֶעט עֶס מִיר מַמָּשׁ צוּ צוּם הַארְץ.

אִיךְ גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַחַר הָרָע יָבוֹא הַטּוֹב, דַיין יְשׁוּעָה אִיז זֵייעֶר נָאנְט, כִּי בֹא יָבֹא לֹא יְאַחֵר (חֲבַקּוּק ב, ג).

זַיי שְׁטַארְק, זַיי אַ מַאמֶע פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן פְּרוּבִּיר אַבִּיסְל צוּ זַיין אַ וַוייבּ פַאר דַיין מַאן, אֲפִילוּ אַבִּיסְל.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## מְ'דַארְף הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת פוּן גוּטֶע חֲבֵרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.**

אֵיינֶער אִיז מִיר גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז עֶר קֶען מִיר שַׁאפְן אַ וֶועג צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין גֶעגְרֵייט צוּ קוּמֶען פָאַרִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג, לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ אַז (תְּהִלִּים קח, יג): "שָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם", עֶס אִיז אוּמְזִיסְט זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, "בֵּאלֹקִים נַעֲשֶׂה חָיִל", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר עֶר אַלֵיינְס קֶען הֶעלְפְן, מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אִינְאֵיינֶעם; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶער חָבֵר. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ אִין דִי פְּלַאץ פוּן מַמְרֵא, זָאגְט רַשִׁ"י (בְּרֵאשִׁית יח, א): "הוּא שֶׁנָתַן לוֹ עֵצָה עַל הַמִּילָה", עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְן דִי עֵצָה זִיךְ צוּ מַלְ'ן; אַלֶע שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף דֶעם אוּן פְרֶעגְן: וָואס? אַבְרָהָם אָבִינוּ דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ מַמְרֵא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט זִיךְ צוּ מַלְ'ן, וָואס דַארְף עֶר מַמְרֵא?!

עֶס אִיז דָא כַּמָּה תֵּירוּצִים, אָבֶער וָואס מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פַאר אוּנְז, אַז דָא זֶעט מֶען, אֲפִילוּ אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן חִיזוּק. אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶענוּצְט דִי חִיזוּק, דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער פוּן מַמְרֵא, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוּנְז אֲנָשִׁים פְּשׁוּטִים, אָדֶער וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיב:) נִיטְאַמָאל אֲנָשִׁים זֶענֶען מִיר, נָאר חֲמוֹרִים זֶענֶען מִיר - דַארְפְן הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס זָאלְן מְחַזֵּק זַיין צוּ פָאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פָאלְגְן וָואס צַדִּיקִים זָאגְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): "וְשָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר, שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה, בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ: אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ - הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל, וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַן אֶמֶת'ן צַדִּיק, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חָבֵר וָואס זָאל אִים מְחַזֵּק זַיין אוּן זָאגְן:

"בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ"; אוֹיב וָואלְט אִים אֵיינֶער גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ", וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט אַסַאךְ מֶער אָנְקוּמֶען בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶער קֵיינֶער הָאט אִים דָאס נִישְׁט גֶעזָאגְט; עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם זִיךְ אַלֵיינְס. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער צַדִּיק דַארְף אוֹיךְ הִתְחַזְּקוּת.

בִּפְרָט אוֹיף אֱמוּנַת חֲכָמִים דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיס הִתְחַזְּקוּת. דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זָאגְט (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת חֲתַם סוֹפֵר, חֵלֶק אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רח): "פַּארְוָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי נִסָּיוֹן פוּן דִי עֲקֵדָה אוֹיף דִי נָאמֶען פוּן יִצְחָק - 'עֲקֵדַת יִצְחָק', פַּארְוָואס נִישְׁט אוֹיף אַבְרָהָם? דִי נִסָּיוֹן אִיז דָאךְ גֶעוֶוען בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ, נָאר אַבְרָהָם אָבִינוּ - עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט אִיז דֶער נִסָּיוֹן נִישְׁט אַזוֹי גְרוֹיס, אָבֶער יִצְחָק אָבִינוּ - עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט נָאר פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, גְלֵייבְּן אִין תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, דָאס אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע נִסָּיוֹן ווִי דֶער וָואס וֵוייסְט דָאס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶעם זַייעֶר אַסַאךְ בִּלְבּוּלִים ווִי אַזוֹי מֶען זָאל זִיךְ פִירְן"; אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ) אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעקֶענְט גֶעבְּן דִי תּוֹרָה נָאר מִיט דִי זַאךְ פוּן 'הוֹסִיף מֹשֶׁה יוֹם אֶחָד מִדַּעְתּוֹ', צוּ ווַייזְן אַז מֶען מוּז גְלֵייבְּן אִין תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, מֶען מוּז צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע חָכְמוֹת אוּן אַלֶע בִּלְבּוּלִים.

שְׁטַארְקְט אַייךְ טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, אֲפִילוּ עֶס קָאכְט אוּן בְּרֶענְט אִין אַייךְ אַלֶע תַּאֲווֹת, עֶס אִיז מַמָּשׁ (בְּרֵאשִׁית יח, א): "כְּחֹם הַיּוֹם" - זָאלְט אִיר בְּלַייבְּן זִיצְן, "יֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל"; גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי פֶּתַח הַקְּדוּשָׁה, יֹשֵׁב אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן ווַארְטְן, אַז מֶען ווַארְט, מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ "וַיֵּרָא אֵלָיו ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאווַייזְט זִיךְ צוּם מֶענְטְשׁ.

גֶעדֶענְקְט, אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפַאלְן, שְׁטַארְק מֵיינְט, אַז וֶוען מֶען פַאלְט - הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אֵיינֶער וָואס פַאלְט אוּן הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף - דֶער אִיז אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי שָׁאוּל מֶטֶעפְּלִיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם, עֶר הָאט גֶעדַאוֶונְט אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין טֶעפְּלִיק, אוּן צוּזֶעעֶנְדִיג זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, ווִי עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא הִתְלַהֲבוּת, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "שָׁאוּל שָׁאוּל, אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר נָאכְנִישְׁט

קֵיין הֲנָאָה; ווען אִיךְ וֶועל זֶען ווי שָׁאוּל פַאלְט אַרָאפּ און הֵייבְּט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף און דִינְט ווַייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְּן"; רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעוָואלְט אָנְגְרֵייטְן פַאר'ן לֶעבְּן. ווַייל נִישְׁט אֵייבִּיג קֶען מֶען בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּרְצִיפוּת, עֶס קוּמְט אַמָאל אַ צַייט וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, און דֶעמָאלְט - אוֹיבּ מֶען אִיז שְׁטַארְק - אִיז מֶען אַ רִיכְטִיגֶער הֶעלְד.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אוֹיף זִיךְ: 'פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין', וָואס אִיז אַ תּוֹצָאָה פוּן דָאס וָואס מֶען קוּקְט זִיךְ אָן און מֶען זֶעט זִיךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען, נִסְיוֹנוֹת, נְפִילוֹת, וְכוּ' וְכוּ', מֶען טְרַאכְט: 'וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין פוּן מִיר?' דָאס אִיז אָבֶּער אַ שְׁטַארְקֶער טָעוּת, ווַייל דַוְקָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַאלְט אַרָאפּ און עֶר הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ הֶעלְד. אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁטַארְק, שְׁטַארְק אִיז דֶער וָואס הֵייבְּט אָן פוּנְדָאסְנֵיי, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק ווִי אַ לֵייבּ אַז וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין וֶועט עֶר נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֵיינְט נִישְׁט אִיר זֶענְט שׁוֹין פַארְפַאלְן, טְרַאכְט נִישְׁט: 'צַדִּיקִים הָאבְּן נִישְׁט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת', מֵיינְט נִישְׁט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין נְפִילוֹת וְכוּ', נָאר דֶער חִילּוּק אִיז, דִי צַדִּיקִים שְׁטַארְקְן זִיךְ, זֵיי הֵייבְּן זִיךְ אוֹיף, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כד, טז): "כִּי שֶׁבַע יִפּוֹל צַדִּיק - וָקָם", אֲפִילוּ עֶר פַאלְט אַרָאפּ הֵייבְּט עֶר אָן פוּנְדָאסְנֵיי; עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען, עֶר קוּקְט אוֹיף פָארְאוֹיס. דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן, ווַייל זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## דִי גֶעלְט פוּן הַפָּצָה זָאלְסְטוּ גֶעבְּן נָאר פַאר צְדָקָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ גֵייסְט הֲפָּצָה, דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן

פַאר אַנְדֶערֶע, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ אִים.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן מִיט דִי גֶעלְט פוּן הַפָּצָה; דִי גַאנְצֶע גֶעלְט זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַאר צְדָקָה, בְּרֶענְג דַיין גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה, פַאר דִי פְּלַאץ וָואס גֶעבְּט דִיר דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת אִין לֶעבְּן.

מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמֶען גֶעלְט פוּן צְדָקָה פַאר שְׁפִּילְצֵייג וְכַדוֹמֶה, אָךְ אוּן וֵויי פַאר בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן נָאךְ גֶעלְט אוּן קוֹיפְן מִיט דֶעם צִיגֶרֶעטְלֶעךְ אָדֶער אַנְדֶערֶע שְׁפִּילֶערֵייעֶן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה ח, ט): "וְכָל מִי שֶׁאֵינוֹ לֹא חִגֵּר, וְלֹא סוּמָא, וְלֹא פִּסֵּחַ, וְעוֹשֶׂה עַצְמוֹ כְּאַחַד מֵהֶם", וֶוער עֶס מַאכְט זִיךְ הִינְקֶעדִיג אָדֶער בְּלִינְד, עֶר פָּאפְּט אוֹיס מֶענְטְשְׁן בַּיים גֵיין נָאךְ גֶעלְט, "אֵינוֹ מֵת מִן הַזִּקְנָה עַד שֶׁיִּהְיֶה כְּאַחַד מֵהֶם", דֶער וֶועט נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט בִּיז עֶר וֶועט טַאקֶע וֶוערְן אַזוֹי, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דִי גַאנְצֶע גֶעלְט זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַאר צְדָקָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פְרֶעג דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְכֶע הֶכְשֵׁרִים צוּ עֶסְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, ווילְיַאמְסְבּוּרְג.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דַיין מְלַמֵּד אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; דוּ וֵויסְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִם קֵיסָרִים וּמְלָכִים הָיוּ יוֹדְעִים אֵיךְ אֲנִי מְלַמֵּד אֶת אֲנָשַׁי דֶּרֶךְ אֶרֶץ, הָיוּ שׁוֹלְחִים אֶת בְּנֵיהֶם אֵלַי לִלְמוֹד דֶּרֶךְ אֶרֶץ", וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס מַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וָואס פַאר אַ הֶכְשֵׁר מֶעג מֶען עֶסְן; אִיךְ עֶנְטְפֶער פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע מִשְׁפָּחָה וְכוּ', זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, פַאר זֵיי עֶנְטְפֶער אִיךְ, אָבֶער דוּ הָאסְט דָאךְ אַ טֵייעֶרֶע טַאטֶע אוּן אַ

טֵייעֶרֶע מַאמֶע, עֶרְלִיכֶע וואוּילֶע מֶענְטְשְׁן; זָאלְסְטוּ זֵיי פְרֶעגְן וָואס אִיז אַ גוּטֶע הֶכְשֵׁר, וָואס דוּ מֶעגְסְט עֶסְן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין שְׁוַואכֶע הֶכְשֵׁרִים, וַוייל וֶוען מֶען עֶסְט נִישְׁט כָּשֵׁר'עֶ עֶסְן וֶוערְט דִי גַאנְצֶע בְּלוּט פַאר'סַמְ'ט, עֶס וֶוערְט פַארְשְׁטָאפְּט דִי הַארְץ, מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה.

בֶּעט דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן דִיר פּוּנְקְטְלִיךְ אָנְוַוייזְן וָואס פַאר אַ הֶכְשֵׁר אִיר עֶסְט.

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר דַיין טַאטֶע מַאמֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, עֶס רַייסְט דִי הַארְץ צוּ זֶען דַיינֶע וֵוייטָאגְן; דָאךְ וִויל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, פְּרוּבִּיר צוּ זוּכְן גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִיר. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מָאן מִנְכוֹן דִּי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוּן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקֶל - לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער - זִיס? "מָאן מִנְּכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר", וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶער לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט מַאכְט עֶר לִיכְטִיג; עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִּיק.

אַנְטְלוֹיף צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה - וִוי צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תּוֹרָה, וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף

דִיר צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, אַנְטְלוֹיף צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מִיטְוָואךְ נַאכְט אוּם נַיין אַזֵייגֶער וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר פַּאר אַלֶע פְרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; לֵייג אַוֶועק דֶעם טָאג צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען מִיט הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מָאוִויס אִיז נִישְׁט גוּט פַּאר אַ מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

קוּק נִישְׁט קַיין שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס; דָאס אִיז נִישְׁט גוּט פַּאר'ן מֶענְטְשׁ אוּן דָאס שָׁאט שְׁפֶּעטֶער פַּאר'ן לֶעבְּן. אַז מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע קְלִיפְּס אוּן עֶקֶעלְדִיגֶע מָאוִויס וֶוערְט מֶען דֶעפְּרֶעסְט; אִין אָנְהֵייבּ זֶעט אוֹיס כְּאִילוּ מֶען גֵייט אַרַיין אִין אַ לִיכְטִיגֶע וֶועלְט אָבֶּער נָאכְדֶעם שְׁפִּירְט מֶען ווִי דָאס לֶעבְּן וֶוערְט אוֹיס.

פָּאלְג מִיר, קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִויס; עֶס אִיז אַ שָׁאד פַּאר דַיין לֶעבְּן. דוּ בִּיסְט אַ יוּנְגֶע מֵיידְל אוּן עֶס וַוארְט דִיר אַ שֵׁיינֶעם עָתִיד, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, פַאְרוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס חָרוּב מַאכְן דַיין שֵׁיינֶעם עָתִיד? שְׁמִירַת עֵינַיִם אִיז נִישְׁט נָאר פַּאר מֶענֶער, שְׁמִירַת עֵינַיִם אִיז פַּאר פְרוֹיעֶן אוֹיךְ אַ מִצְוָה.

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע ווֵייטָאגְן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן; מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ, מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, וואוּ דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַלְץ אַרָאפּ אוּן אַז ווִיפִיל מָאל מֶען ווִיל שׁוֹין זַיין גוּט פַאלְט מֶען נָאכְאַמָאל צוּרִיק אַרַיין אִין בְּלָאטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...